*ב"ה*

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

## פסח שני, ל"ג בעומר

### פסח שני, ל"ג בעומר

רבי שמעון בן יוחאי האט געזאגט "יכול אני לפטור את כל העולם כולו מן הדין". אין די צייטן פון רשב"י האט זיך ניט באוויזן קיין קשת - רעגנבויגן. דער טעם איז: דער קשת באווייזט זיך ווען די וועלט פארדינט ר"ל אז דער אויבערשטער זאל ברענגען א מבול און אויסמעקן די וועלט. דעמאלסט באווייזט זיך דער קשת און דערמאנט דעם אויבערשטן זיין שבועה אז ער וועט מער ניט ברענגען קיין מבול אויף דער וועלט. אין די צייטן פון רשב"י איז ניט געווען נויטיג קיין קשת, ווייל דער זכות פון רשב"י האט מגין געווען אויף דער וועלט.

מיט דעם פארשטייט מען רשב"י'ס שיטה ביי פסח שני:

אויב אלע אידן זיינען געווען טמאים למת ביים ערשטן פסח, האבן זיי פונדעסטוועגן מקריב געווען דעם קרבן פסח. אבער אויב זיי זיינען טמא מיט אנדערע טומאות, איז א מחלוקת פון רבי יהודה און רבי שמעון (בן יוחאי). רבי יהודה האלט אז זיי האבן מקריב געווען דעם קרבן פסח אויף יד אייר, פסח שני. רבי שמעון האלט אז זיי האבן ניט מקריב געווען פסח שני ווייל "אין צבור בפסח שני" (מען קען ניט אפשטופן א צבור - אפילו א רוב צבור - צו פסח שני).

דארף מען פארשטיין:

אויב דער צבור האט ניט געקענט מקריב זיין ניט אין פסח ראשון און אויך ניט אין פסח שני, וואס פאר א טובה איז עס פאר זיי? דאס איז דאך געווען די טענה פון די טמאים, צו משה רבינו, "למה נגרע", פארוואס זאלן מיר פארלירן די מצוה פון מקריב זיין דעם קרבן פסח.

מוז מען זאגן אז לויט רבי שמעון בן יוחאי האט ניט געקענט אויסקומען אזא פאל אז דער גאנצער צבור זאל זיין טמא מיט אנדערע טומאות, און זאל ניט קענען מקריב זיין דעם קרבן פסח אין פסח ראשון .

מיר געפינען נאך אזעלכע דינים אין דער תורה וועלכע "לא הי' ולא נברא", אזוי ווי א בן סורר ומורה און עיר הנדחת. אזוי ווי רשב"י האט געטראכט וועגן העלפן אלע אידן, ווי ער האט געזאגט "יכול אני לפטור את העולם כולו מן הדין", אזוי איז אויך לויט עם דער צבור פארהיט אזא שרעקליכן צופאל אז דער צבור קען ניט מקריב זיין פסח ראשון.

(משיחת פסח שני תשמ"ג)

Back to "Leben Mit Der Tzeit"